מדרגה ג

# נאַטור אין דער ייִדישער ליטעראַטור

נאַטאַליע קריניצקאַ

מיר זענען צוגעווינט צו לייענען אויף ייִדיש דער עיקר סצענעס פֿונעם שטעטלדיקן און שטאָטישן לעבן. דאָס מאָל, לכּבֿוד דעם טרוסקאַפֿקעס־סעזאָן, וועלן מיר אַנטדעקן לידער, פּראָזע און אַנדערע מאַטעריאַלן פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע וואָס האָבן אַ שייַכות מיט דער נאַטור. מיר וועלן זיך שטעלן די פֿראַגע וואָס פֿאַר אַ ראָלע שפּילן די לאַנדשאַפֿטן, חיות און פֿלאַנצן אין די דאָזיקע ווערק. דערצו וועט מען אויך שטודירן דעם צוגעפּאַסטן וואָקאַבולאַר און באַטראַכטן די גראַפֿשיע באַאַרבעטונג פֿון די פּובליקאַציעס.